12 און איך וויל אייך מודיע־זיין, ברידער, אַז דאָס,
וואָס איז מיר געשען, איז גאָר נאָך מער אויס־
געפאַלן צום פאָרטשריט פון דער בשורה טובה,
13 אַזוי, אַז מיינע קייטן צוליב משיחן זענען אַנטפּלעקט
געוואָרן אין דעם גאַנצן פרעטאָריום און אין אַלע
14 אַנדערע (ערטער); און דאָס רוב פון די ברידער
אינעם האַר איז דערמוטיקט געוואָרן דורך מיינע
קייטן, מיט נאָך מער מוט, אומדערשראָקן צו
15 רעדן גאָטס וואָרט. אייניקע טאַקע צוליב קנאה
און געצאַנק, און אַנדערע פון גוטן ווילן דרשענען
16 דעם משיח; די דאָזיקע טון עס פון ליבע, וויסנדיק,
אַז איך בין באַשטימט געוואָרן צום פאַרטיידיקן
17 די בשורה טובה; אָבער יענע מיט אומריינע מאָטיוון
מאַכן באַקאַנט דעם משיח, נישט אויפריכטיקערהייט,
18 צילנדיק צוצולייגן אַ צרה צו מיינע קייטן. דעריבער
וואָס? נאָר על כל פּנים, צי אַלס אַן אויס־
רייד אָדער באמת, משיח ווערט אויסגערופן:
און אין דעם דאָזיקן פריי איך מיך, און וועל מיך
19 נאָך פרייען. וואָרום איך ווייס, אַז דאָס דאָזיקע
וועט אויספאַלן צו מיין ישועה, דורך אייער
מתפלל זיין און דורך דער הילף פון ישוע המשיחס
20 גייסט, לויט מיין ערנסטער דערוואַרטונג און
בטחון, אַז איך וועל אין גאָרנישט פאַרשעמט
ווערן, נאָר אין יעדער מוטיקייט, ווי אַלעמאָל,
אַזוי אויך איצט, וועט משיח פאַרהערלעכט ווערן
אין מיין לייב, סײַ דורכן לעבן און סײַ דורכן
21 טויט. וואָרום פאַר מיר איז משיח דאָס לעבן און
22 דאָס שטאַרבן—אַ געווינס. נאָר אויב צו לעבן אין
דעם פלייש, איז דאָס דאָזיקע פאַר מיר פרוכט פון
אַרבעט; און איך ווייס נישט וואָס אויסצודערוויילן.
23 און פון ביידע זייטן בין איך אין אַ פאַרלעגנהייט,